# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

**וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ.**

בעזהשי"ת ▪ וישב/שבת חנוכה תשפ"א ▪ גליון קג'


# בין איך טאקע אזוי וויכטיג פאר די וועלט?!

### די מעשה פון די הייליגע ברודער **ראובן** און **יוסף** לערנט אונז...
### די אומבאשרייבליכע ווערד פון א איד!!

זאנוויל דער ראש הקהל טרעפט זיך מיט בערל דער האלץ האקער. "א גוט יאר, ר' בערל!" שרייט דער ראה"ק אזוי העפטליך. "א גוטן, א גוטן..." מורמלט זיך בערל אונטער. "ר' בערל וואס איז געשעהן מיט אייך? וואס איז היינט די אנגעצויגנקייט??" פרעגט דער ראה"ק.

ר' בערל הייבט אן אויסגיסן זיין הארץ, "ר' זאנוויל, וואס זאל איך אייך זאגן, איך גלייב שווער אז איר וועט מיר פארשטיין, אבער לעצטנס איז מיר זייער שווער געווארן א שאלה, וואס איך האב אויף דעם נישט קיין תירוץ און עס פייניגט מיר זייער שטארק!"

"דאס איז מיין שאלה: פארוואס האט מיר דער אייבערשטער באשאפן? בין איך אזוי וויכטיג פאר דער וועלט? בשלמא איר, וואס איר זענט א ראה"ק, אן עסקן, א גבאי, אייך דארף מען האבן ווייל איר געבט צו צום אייבערשטען'ס וועלטל, אבער "איך", א פשוט'ער האלץ-האקער, פארוואס דארף מען מיר האבן דא? אויב איך וואלט געווען א גרויסע עובד ה', א תלמוד חכם, נו וואלט דער אייבערשטער כאטש געהאט א נחת רוח פון מיר. אבער קוק ווי אזוי איך קוק אויס! פארנומען א גאנצן טאג על המחיה ועל הכלכלה, צרות יגון ואנחה אין גאס און אין מיין שטוב, איך פארטשעפע זיך מיט דעם און מיט יענעם... מה לי ולו לצרה הזאת?!"

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך...

**וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ.**
(וישב לז, כא)

און די וואכנדיגע פרשה, זעהט מען ווי ראובן איז דער איינציגסטע ברודער פון די שבטי קה וואס האט פרובירט מיט אלע כוחות צו ראטעווען יוסף. **לאמיר פארשטיין: פארוואס איז דאס געגאנגען אזוי בנפשו פאר ראובן מער ווי אלע אנדערע ברודער** אז עד כדי כך, ווען ער האט נישט געטראפן יוסף אין דער בור, איז ער געווארן אינגאנצן צוטרייסלט און נישט געוואוסט וואו זיך אהין צוטוהן?

אזוי אויך, וואס איז דער ענין פון ראטעווען יוסף דורך אים אריינווארפן אין א סכנה'דיגע בור פון שלענג און עגדיסן? פארוואס האט ראובן אים נישט אנגעכאפט און אהיים געטראגן צום טאטען...

**הקדמה**: די מעשה פון יוסף מיט זיינע ברודער ווערט דערציילט אין די תורה מיט אסאך פרטים. די גאנצע פרשה רעדט פון וואס יוסף האט געזאגט און וואס די ברודער האבן געטראכט... די ספרים הק' זענען מאריך אין דעם זה בכה וזה בכה. עס ליגט באהאלטן אין דעם זייער אסאך סודות התורה (עי' של"ה הק' פרשת מקץ[א]) און עס איז למעלה מהשגותינו וחלילה לגשם, צו פארפראסטן די מעשה.

נאר אין א בחינה פון תורה היא וללמוד אנו צריכים, וואס מיר פשוטי עם קרוצי

---

[א] עי' בשל"ה הק' (תורה שבכתב פרשת מקץ ויגש ד') וז"ל אתעורר על ספיקות גדולות שראוי להתעורר עליהם בענין יוסף עם אחיו.
**א' היא קושיא כללית**, נודע מעלת השבטים גדולה עד מאוד, שבודאי מעלתם יותר ממעלת מלאכי השרת, והם בסוד י"ב צרופי שם הוי', איך יתפוס השכל זה הדבר, שבני העליה כאלה יעשו ביחד העבירה הגדולה שבכל העבירות שבעולם, דהיינו רציחה, ודימו להרוג את יוסף, ובפרט להרוג איש צדיק עמוד יסוד עולם, ודבר כזה אינו עושה אפי' רשע גדול העובר על כמה עבירות חמורות מונע את עצמו מלרצוח אפי' לקטן שבישראל...
ובב"ר (ויגש צג ט) ר' שמואל בר נחמן אומר כהוגן וכשורה עשה (בענין מה שהרגיז יוסף הצדיק את אחיו ולא חש שיהרג), יודע היה צדקן של אחיו, **אמר חס ושלום אין אחי חשודין על שפיכות דמים**... הרי שלא היו חשודין להרוג אפי' איש מצרי שהעליל עליהם, כי הם היו סבורין שהוא איש מצרי, ואיך רצו להרוג את אחיהם צדיק והוא צדיק יסוד עולם...
ועיי"ש באריכות איך ענין מכירת יוסף וגלגולו הוא קיום מלכות בית דוד ומשיח...ומבאר הענין ע"פ הג' כתרים, שכתר תורה זכה בו יוסף, שמסר לו יעקב כל מה שקיבל משם ועבר, כתר כהונה זכה בו לוי, כתר מלכות זכה בו יהודה, ומבאר שם הכל באריכות ע"פ קבלה וכתבי האר"י, איך שהכל היה תיקונים גדולים...



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פארבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

חומר קענען ארויסלערנען פון די הייליגע שבטי קה, באופן זה וועלן מיר פרובירן ארויס נעמען א מוסר השכל פאר אונז כדי צו פארבעסערן אונזערע מעשים, **ויה"ר שלא יאמר פינו דבר שלא כרצונו ולא תצא מפינו שום מכשול ח"ו**, מיר וועלן נאר גיין בדרך פשט, ווי עס ווערט געברענגט אין די מפרשי החומש און אין די מדרשים.

**אינעם שטאט דתן**, אביסל אפגעריקט פונעם גרויסן שטאט שכם, האבן די שבטים געפאשעט זייער טאטע'ס שאף, ווען פלוצלינג האבן זיי געזעהן פון דערווייטנס ווי זייער יונגערע ברודער יוסף קומט צו גיין.

יא, יא, דאס איז דער ברודער מיטן זיידענע העמדל וואס קומט כסדר זיך גרויס האלטן אנטקעגן זיי! דאס איז דער ברודער וואס פאר'מסר'ט זיי פארן טאטען! און דאס איז דער ברודער וואס זיי רעדן שוין נישט מיט אים א שטיק צייט[ב]...

**וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו**, די צוויי שטארקע ברודער, שמעון ולוי, האבן אויסגעשריגן פאר די איבריגע ברודער, "געבט נאר א קוק ווער עס קומט דארט צו גיין, **הִנֵּה בַּעַל הַחֲלֹמוֹת הַלָּזֶה בָּא**... דער מיט די סאך חלומות קומט צו גיין!"

"קומט! לאמיר טוהן צו דער זאך און פטור ווערן פון דעם יוסף איינמאל פאר אלעמאל... **וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו**[ג]..."

**יוסף האט געזעהן זיין ביטערע גורל און אנגעהויבן וויינען צו זיי, "מיין טייערע ברודער, פארוואס זענט איר אזוי ברוגז אויף מיר? איך האב קיינמאל נישט געמיינט פוגע צו זיין אין אייער כבוד, איר ווייסט פארוואס איך האב אייך דערציילט מיינע חלומות?"**

"ווייל איך האב געוואלט זיין נאנט מיט אייך! ווי דער באקאנטע כלל[ד] אז ווען איינער האט א חלום, זאל ער דאס נאר דערציילן פאר גוטע פריינד ווייל א חלום ווערט מקוים לויט ווי אזוי מען איז דאס פותר. איך האב געטראכט אז דורך דערציילן מיינע חלומות פאר אייך, וועל איך ווייזן אז איך האב צוטרוי אין אייך און אז איך האלט אייך פאר גוטע ברודער. און נישט חלילה זיך צו רייצן..." (אוחה"ק ד"ה ויחלם יוסף וגו' או יכון).

די ברודער האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט ווייל יעצט פארשטייען זיי אנדערש. ווי דער אוחה"ק פירט אויס: צוליב די שנאה און קנאה וואס איז שוין ליידער געווען איינגעקריצט אין זייערע הערצער, "**ננעלו שערי האהבה בלבם**", און זייער אפטייטש פון די חלומות איז שוין געווארן געסטעמפלט אז יוסף וויל זיך נאר משתלט זיין אויף זיי און ער וויל נישט זיין אייניג מיט זיי.

**און די ברודער האבן ארויסגעגעבן א פסק**: "נפש החוטאת היא תמות", דער נפש וואס האט געזינדיגט, דארף גיין פון דער וועלט..."

"יוסף, דו ביסט א רודף און א מורד במלכות, דו ביסט חייב מיתה!"

יוסף האט זיך פרובירט איינבעטן, וויינען און שרייען, אבער אלעס איז געפאלן אויף טויבע אויערן.

*איידער מיר גייען ממשיך מיט דעם סיפור, לאמיר צוריק גיין אפאר יאר...*

## די מעשה מיט "ראובן"...

ראובן, לאה'ס עלטסטע קינד, א בחור'ל פון בערך 14 יאר[ה], האט געהאלטן גלייך נאך זיין מומע, זיין טאטע'ס אנדערע ווייב, מרת **רחל'ס** לויה. ער האט געמאכט א חשבון: עס האט נישט קיין פשט אז זיין מומע'ס דינסט "בלהה" זאל זיין אזוי חשוב ווי זיין מאמע! בשלמא איר שוועסטער איז געווען א צרה פאר זיין מאמע, דאס האט ער נאך געקענט פארשטיין, אבער פארוואס זאל יעצט זיין אז איר שפחה, א פילגש, זאל אויך זיין א צרה פאר זיין מאמע! ער גייט דאס נישט צולאזן, זיין טאטע דארף שוין מער נישט גיין צו איר! ראובן איז געלאפן, געכאפט זיין טאטע'ס זאכן און דאס אריינגעלייגט אין די געצעלט פון זיין מאמע. (שבת נה:)

דער טאטע יעקב האט געזעהן וואס דא האט פאסירט און זיך געבייזערט, "וואס טוט זיך דא? א יונג בחור'ל קומט און איז אליין מחליט זאכן?! מען קען נישט ארומריקן סתם אזוי, עס זענען דאך דא הייליגע כוונות דערין!"

על אף וואס זיין הייליגע טאטע האט אים כרגע גארנישט געזאגט[ו], דאך האט דער צדיק ראובן זיך אליין געכאפט אז ער האט געמאכט א ביטערע טעות און אנגעהויבן וויינען און זיך בעטן ביים טאטען און ביים בורכ"ע, "חטאתי עויתי ופשעתי..."

פון יענע טאג און ווייטער, האט ראובן קובע געווען א צייט אין טאג וואס ער איז געזעצן אנגעטוהן מיט א זאק און געפאסט. ער האט זיך געבעטן ביים בורכ"ע אז מען זאל אים מוחל זיין אויף זיין זינד און ער זאל חלילה נישט ווערן אויסגעמעקט פונעם כלל פון די הייליגע שבטי קה. טאג נאך טאג, איז ראובן אזוי געזעצן און תשובה געטוהן אויף זיין זינד.

ראובן האט נישט געוואוסט אויב זיין תשובה וועט אנגענומען ווערן, אבער ער האט געטוהן זיין השתדלות און געבעטן און געוויינט אז די זינד זאל אויסגעמעקט ווערן.

ביז... איין טאג, איז זייער ברודער קליינע ברודער יוסף'ל געקומען און דערציילט עפעס א חלום וועגן די זוהן, די לבנה און עלעף שטערנס וואס דרייען זיך אויס און בוקן זיך צו אים. "**וְהִנֵּה הַשֶּׁמֶשׁ וְהַיָּרֵחַ וְאַחַד עָשָׂר כּוֹכָבִים מִשְׁתַּחֲוִים לִי**". (פסוק ט)

די ברודערס האבן געהערט די חלום און... עס האט זיי זייער געשטערט. זיי האבן זיך זייער גערעגט, "וואס גייט פאר מיט דער

---

ב ואע"פ שהיו צריכין לדבר עמו בענין הנהגת הבית ומרעה הצאן, בהיותו מנהיג במצות אביו, לא יכלו לדבר עמו בשלום וריעות כמנהג האחים. (ספרונו ד"ה ולא יכלו דברו לשלם)

ג עי' פי' רש"י ויחי מט, ה ד"ה שמעון ולוי אחים, למה מוכרח לומר שאין זה כי אם שמעון ולוי ולא שאר אחים.

ד ברכות נה.

ה עי' בפנים יפות ד"ה ויאמר אליהם ראובן אל תשפכו דם וגו', בא"ד כי היה פחות מבן עשרים כידוע, שכ"ב שנים היה יעקב בדרך, ונולד ראובן אחר שש שנים עיי"ש.

ו כמובאר במדרש שיעקב לא אמר לו על זה כי אם סמוך למיתתו.

ברודער? דאס איז שוין דער צווייטע אזא סארט חלום וואס ער דערציילט! וואס מיינען די אלע חלומות?!"

**כאטש וואס די ברודער האבן זיך גערעגט, איז אבער געוועזן איין ברודער וואס האט זיך זייער געפריידט...** ראובן! טאקע דער ראובן, על אף וואס ער איז געווען דער בכור און אויב דער חלום איז אמת, מיינט דאס אז ער גייט ווערן קלענער, דאך איז ער נישט געווארן צובראכן ווייל... **ער האט יעצט געהערט א געוואלדיגע בשורה טובה!**

וועלכע בשורה טובה? אויב דער דער טאטע יעקב איז דער זון און די לבנה איז זיין מאמע (דאס ווייסט ער קלאר ווייל די מאמע רחל לעבט שוין נישט! ווי אזוי קען זי זיך קומען בוקן?!) מיינט אז די **"עלעף" שטערנס** זענען די עלעף הייליגע ברודער. אויב ער וואלט געווארן אויסגעמעקט פון די שבטי קה, וואלט די חלום געדארפט זיין נאר מיט צען שטערנס... קומט אויס אז ער איז יא געבליבן אין דעם כלל פון די שבטי קה! ראובן האט אויפגעשטראלט פאר שמחה, "ב"ה!! איך זעה אז מיין תשובה האט געהאלפן! הלואי זאל דער חלם זיין אמת..." (אלשיך הק' לז, כא)

צוריק צו אונזער משה.

## וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם...

ראובן האט געהערט פון די פלאן פון זיינע ברודער אבער עס האט אים נישט געפאלן! "הרג'נען? פארוואס? ווי אזוי קען מען סתם פארשניידן א אידישע נפש? **קוקט ווי דאס קינד וויינט און בעט זיך**! יא, עס קען זיין אז ער איז א זינדיגער מענטש אבער **עס איז פארהאן תשובה אויף דער וועלט**!"

"ווי אזוי קען מען סתם פארשניידן א אידישע נפש? קוקט ווי דאס קינד וויינט און בעט זיך! יא, עס קען זיין אז ער איז א זינדיגער מענטש אבער עס איז פארהאן תשובה אויף דער וועלט!"

"איך מוז זעהן דאס אפצושטעלן! ובפרט אלץ דער עלטסטע זוהן, אויב עס גייט דא זיין מעשים אשר לא יעשה, וועט אלעס גיין אויף מיין נאמען[ז]! איך מוז זעהן עפעס צו טוהן..."

**"און אויב עס וועט מיר געלונגען צו ראטעווען דאס קינד, וועל איך האבן פארענדיגט נאך א חלק אין מיין תשובה.** איך האט יעצט א געלעגנהייט ארויסצו-ווייזן העלדישקייט פאר מיין טאטען און אפשר אזוי וועל איך קענען פאררעכטן דאס וואס איך האב זיך אמאל בא'נער'ישט."

ראובן האט זיך געבעטן ביי זיינע ברודער, "מיינע טייערע ברודער, איך בעט אייך, לאז אפ דעם קינד, **אל תעשו הרעה הזאת לחטוא בילד**, טוט דאס נישט מיט דעם קינד, טשעפעט זיך נישט מיט אים."

אבער די ברודער האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט, "ער איז א מורד במלכות! ער האט א דין פון א רודף און אן עד זומם[ח]! מען דארף אים הרג'נען..."

ראובן האט געטראכט צו זיך, "וואס טוט מען דא? איך מוז אים ראטעווען! איך האב דאך א מורא'דיגע הכרת הטוב פאר אים... **ער איז דער וואס האט מיר מגלה געווען אז מיין תשובה איז אנגענומען געווארן** (ב"ר פ"ד, טו). **זאל זיין תשובה נישט ווערן יעצט אנגענומען?!**"

(מיט דעם טייטשן די מפורשים: **וישמע ראובן**, וואס האט ראובן געהערט? ער האט געהערט די ווערטער פון שמעון "**ונראה מה יהיו חלומותיו**", און דאס האט אים דערמאנט די שיינע חלום פון **וְאַחַד עָשָׂר כּוֹכָבִים מִשְׁתַּחֲוִים לִי** און די בשורה טובה וואס ער האט באקומען.)

ראובן האט פרובירט אויף אן אנדערע אופן[ט] און געטוישט זיין מהלך. ער האט זיי געזאגט, "טייערע ברודער, איך האלט אויך ווי אייך אז מען דארף אים הרג'נען, ער האט דאך צוגענומען די בכורה פון מיר! אבער **לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ**, פארוואס זאלן מיר זיין דער וואס פארגיסט אידיש בלוט? איך האב אן אנדערע עצה: **הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר וְיָד אַל תִּשְׁלְחוּ בוֹ**, ענדערשווארפט אים אריין אין דעם גרוב און אזוי זאל ער אויסגיין. פארוואס זאלן מיר זיין דער וואס הרג'ט אים?!"

ראובן לשיטתו האט געמאכט דעם חשבון: ווי אזוי קען א בשר ודם מחליט זיין אויף א הייליגע נפש אויב ער דארף יא אדער נישט זיין אויף דער וועלט! אפשר איז ער יא א גוטע און פיינע מענטש? אפשר דארף נאך פון אים ארויסקומען גוטע זאכן?

דערפאר, האט ער גע'עצה'ט פאר זיינע ברודער, "עס איז בעסער אים צו לייגן אין א בור און לאזן די חיות טוהן דער ארבעט! מען ווייסט דאך אז חיות וועלן נישט פוגע זיין אין א מענטש וואס איז נישט מחיוב מיתה. משא"כ, א מענטש, א בעל בחירה, ער קען יא מאכן טעותים און הרג'נען א מענטש אפי' יענער איז נישט מחיוב במיתה!" (עי' באוחה"ק ד"ה ויצלהו מידם).

די ברודער האבן זיך ענדליך צוגעהערט צו די רייד פון ראובן און ארויסגעגעבן א פסק אז **מען גייט אריינווארפן יוסף אין די שרעקעדיגע גרוב וואס איז געווען פול מיט נחשים ועקרבים...**

מען האט אים אויסגעטוהן דעם זיידענע העמדל און אריינגעווארפן אין גרוב. יוסף האט געוויינט און געשריגן אבער די ברודערס האבן זיך נישט צוגעהערט... **וַיֵּשְׁבוּ לֶאֱכָל לֶחֶם**, זיי האבן זיך אוועקגעזעצט ווייט אוועק כדי נישט צו הערן זיינע קולות (חזקוני) און געפראוועט א סעודה אז זיי האבן מקיים געווען דער מצוה בשלימות.

---

[ז] ר"נ אמר אמר ראובן אני בכור ואין הסרחון תלוי אלא בי, (מדר"ר פד טו)

[ח] עי' באוחה"ק (לז, כ) אולי שאחים דנו בו עד זומם עיי"ש באריכות.

[ט] בתחילה אמר להם ראובן: אל תעשו הרעה הזאת לחטוא בילד, ולא שמעו אליו, כמו שמוכיח כשבאו למצרים ...: 'הלא אמרתי אליכם לאמר אל תחטאו בילד ולא שמעתם' (להלן מב:כב) ... כיון שראה שלא שמעו לו שיתף עצמו עמהם, ולא אמר 'לא תכוהו', אלא 'לא נכנו', כלומר: גם אני חפץ בדבר ולא ישימו לב שהוא רוצה להצילו... ולכך דיבר להם בערמה, ואמר להם: מאחר שאין אתם רוצים להניחו, מה שתוכלו למעט את החטא מוטב, מוטב שימות מיתת עצמו, ולא תשפכו את דמו בידים, והיה כוונתו להצילו. (ר' יוסף בכור שור מתלמידי ר"ת)

וַיֵּשְׁבוּ לֶאֱכָל לֶחֶם...

## אבער וואו איז ראובן געווען?

**ראובן איז נישט געווען רואיג**, אויב דאס קינד וואלט חלילה אוועק פון דער וועלט, וואלט געמיינט אז די אלע חלומות זענען געווען סתם נארישקייטן. און אויב זיינע חלומות זענען נארישקייטן, מיינט אז זיין תשובה איז נאך נישט אנגענומען געווארן... "אוי! ווער ווייסט אויב תשובה העלפט בכלל?"

**וישבו לאכול לחם...** אבער נישט ראובן, ער איז צוריק געגאנגען צו זיין פאסטן און תשובה טוהן. ער מוז אויסמעקן זיין זינד, ער וויל נישט חלילה זיין אויסגעשפראכן פון די הייליגע שבטים...

~

**וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר וְהִנֵּה אֵין יוֹסֵף בַּבּוֹר וַיִּקְרַע אֶת בְּגָדָיו. וַיָּשָׁב אֶל אֶחָיו וַיֹּאמַר הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא.** (כט'-ל')

**וַיָּשָׁב רְאוּבֵן:** ראובן איז צוריק געגאנגען צו די גרוב נאכן געשעעניש פון פארקויפן יוסף. זאגט רש"י: וואו איז ראובן געווען ביי די מכירה? זאגט רש"י אינעם צווייטן פשט: **עסוק הי' בשקו ובתעניתו על שבלבל יצועי אביו**, ראובן איז געווען פארנומען מיט פאסטן און תשובה טוהן אויף דער זינד וואס ער איז באגאנגען.

און... ראובן האט געזעהן אז **וְהִנֵּה אֵין יוֹסֵף בַּבּוֹר**... דאס קינד איז נישט דא! ראובן טראכט צו זיך, "דאס הייסט אז יוסף איז חלילה נישט געבליבן לעבן! אוי ווי, וואס טוט זיך מיט די חלום?! וואס טוט זיך מיט מיין ענין פון תשובה?!"

מרוב צער, האט ראובן צוריסן זיינע בגדים און אנהויבן וויינען און שרייען, "**הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ, וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא**, אויב דער ברודער איז נישט דא, מיינט אז דער גאנצע חלום איז אויס! נישט מיין תשובה און נישט זיין תשובה האט געהאלפן! רבוש"ע, וואו אהין זאל איך זיך קערן?"

אבער ווי נאר ראובן האט געהערט פון די ברודער אז מען האט אים פארקויפט, איז אים געווארן עטוואס לייכטער אויפן הארצן... כלל ישראל האט נאך דער ענין פון תשובה, א מענטש ווערט נישט אפגעפרעגט אויף אייביג און יא, מען קען אייביג תשובה טוהן און תשובה העלפט!"

זאגט דער מדרש: **'וישב ראובן אל הבור', א"ל הקב"ה מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה, ואתה פתחת בתשובה תחילה, חייך שבן בנך עומד ופותח בתשובה תחילה, ואיזה זה הושע, שנאמר: 'שובה ישראל עד ד' אלהיך"**. (ב"ר שם פ"ד יט)

נאר צוליב ראובן האבן מיר זוכה געווען צו דער ענין פון תשובה...

~

## וואס מיינט תשובה?

תשובה מיינט אז מען באקומט נאך א געלעגנהייט. ווען מען זינדיגט חלילה, ווערט מען נישט עבר ובטל. מען קען אייביג אנהייבן פון פריש און פארעכטן די אלטע, אונזער באציאונגען מיטן אייבערשטען ווערט קיינמאל נישט אפגעהאקט. יא, עס קען זיין אז דער אייבערשטער וועט האבן צער אבער דאס איז נישט קיין סיבה פאר א מענטש צו דארפן ווערן אויס, ווייל מען קען שטענדיג פארעכטן די אלטע און שיינען נאך שענער ווי פריער.

**פארוואס?** ווייל יעדע איד איז א טייערע זאך! און עפעס וואס איז זייער טייער פאר א מענטש, וועט ער קיינמאל נישט אזוי שנעל אוועקווארפן...

**שטעלט אייך פאר:** א מאמע וואס האט א קינד וואס מאכט איר צער רח"ל און דער מלמד און מנהל זענען זייער נישט צופרידן. אבער וויפיל עגמת נפש דאס קינד וועט נאר אנמאכן, וועט די מאמע אים נאך אלץ ליב האבן און שטענדיג האלטן אפן אירע ארעם'ס פאר אים, ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן ווען דאס קינד גייט זיך טוישן! איי, יעצט מאכט ער צרות?! יעצט מאכט ער אן בושות?! אעפ"כ, איז ער צו טייער און באליבט פאר זיין מאמע אז זי זאל אים אזוי שנעל פארלירן.

פונקט אזוי און הונדערט מאל אזויפיל, זאגט דער אייבערשטער: כלל ישראל זענען מיינע באליבטע קינדער, זיי זענען צו טייער און צו חביב פאר מיר אז איך זאל אזוי שנעל זיי פארשניידן פון דער וועלט.

דאס זאגט די גמרא אין ירושלמי[1]: **שאלו לנבואה חוטא מהו עונשו?** אמרה להן "הנפש החוטאת" היא תמות. אבער **שאלו לקודשא בריך הוא חוטא מהו עונשו?** אמר להן "**יעשו תשובה ויתכפר לו**", דער אייבערשטער לאזט נישט הרג'נען. ענדערש טוה תשובה און איך וועל מוחל זיין. היינו דכתיב: **על כן יורה חטאים בדרך** יורה לחטאים דרך לעשות תשובה און בלייבט לעבן.

## די ברודער בעטן זיך פאר תשובה

**יארן שפעטער:** דער חלום איז ווירקלעך מקויים געווארן. יוסף איז געזעצן אויף זיין שטול ביי די 30 יאר און געוועלטיגט אויף גאנץ מצרים. עס איז געקומען צו א מצב ווי די ברודערס זענען געשטאנען פאר איהם און זיך געבוקט צו איהם, בשעת זיי בעטן זיך פאר א שטיקל ברויט...

יוסף האט זיי דערקענט אבער די ברודער האבן אים נישט דערקענט. ער האט זיי אונטערגעשטעלט פארשידענע פיסלעך ביז ער האט געגעבן דו דראסטישע שריט און געפאדערט אז זיי מוזן לאזן איינע פון די ברודער אין מצרים אלץ משכון ביז זיי ברענגן זייער קלענסטע ברודער...

[1] ירושלמי מכות ב', ו'

**וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ** (מקץ מב, כא). ווער האט געזאגט פאר וועמען? זאגן אונז חז"ל (זוהר ח"א ר: ובמדרש חפץ): דאס זענען די זעלבע צוויי מענטשן (פון אויבן אין פרשת וישב) **וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו הִנֵּה בַּעַל הַחֲלֹמוֹת הַלָּזֶה בָּא**, שמעון און לוי האבן יעצט געוויינט, "**אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ**, מיר זענען שולדיגע און זינדיגע. **עַל כֵּן בָּאָה אֵלֵינוּ הַצָּרָה הַזֹּאת**. יא, דאס איז אונזער עונש... **אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ**. אוי הלואי וואן מיר זאלן קענען תשובה טוהן."

**וַיַּעַן רְאוּבֵן אֹתָם לֵאמֹר**. ראובן האט זיך אנגערופן צו זיי, "טייערע ברודער, איר ווילט יעצט תשובה טוהן? איר ווילט זיך באנוצן מיט דעם ענין פון תשובה? **הֲלוֹא אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם לֵאמֹר אַל תֶּחֶטְאוּ בַיֶּלֶד, וְלֹא שְׁמַעְתֶּם**. פארוואס דעמאלטס האט איר נישט געלאזט אייער ברודער יוסף זיך באנוצן מיט דעם ענין פון תשובה?!" (רבינו בחיי שם עה"פ [א])

"איך האב זיך דעמאלטס געבעטן ביי אייך, "לאזט אפ דעם קינד. **זייט אים מוחל און לאזט אים תשובה טוהן**". אבער איר האט זיך געהאלטן ביי אייער'ס, **נפש החוטאת היא תמות**, דערפאר... **וְגַם דָּמוֹ הִנֵּה נִדְרָשׁ**, פאדערט מען דאס יעצט אויף צוריק.

וויל דער מדרש זאגט דארט (פרשת מקץ פרשה צא, ח):

**אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ**, רַבִּי לֵוִי בְּשֵׁם רַבִּי יוֹחָנָן בַּר שְׁאִילָה, אֶפְשָׁר יוֹסֵף בֶּן שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה הָיָה רוֹאֶה אֶת אֶחָיו מוֹכְרִים אוֹתוֹ וְהוּא שׁוֹתֵק? **אֶלָּא מְלַמֵּד שֶׁהָיָה מִתְחַבֵּט לִפְנֵי רַגְלָיו שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּדֵי שֶׁיִּתְמַלְּאוּ עָלָיו רַחֲמִים וְלֹא נִתְמַלְּאוּ**.

~

און דאס איז דער ענין פון הצלת נפשות. עס איז דא א מצוה פון **וְהִצִּילוּ הָעֵדָה אֶת הָרֹצֵחַ מִיַּד גֹּאֵל הַדָּם וְהֵשִׁיבוּ אֹתוֹ הָעֵדָה אֶל עִיר מִקְלָטוֹ**. (במדבר לה, כה).

**הן ביי א בי"ד:** א דיין דארף זוכן זכותים פון אונטער דער ערד, אבי מען זאל נישט מחייב זיין למיתה און חלילה פארשניידן א נפש אחת פון דער וועלט. עד כדי כך, אז דער ראב"ע זאגט: א בי"ד וואס הרג'ט א איד, אפי' איינמאל אין זיבעציג יאר, הייסט א חובלנית. רבי טרפון און רבי עקיבא זאגן נאך מער: אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם. פארוואס? ווייל אזא טייערע זאך ווי א אידישע נפש טאר אויף קיין שום פאל נישט ווערן פארשניטן. (מכות פ"א, משנה י)

**והן ביי א רוצח אליין:** אויב ער האט גע'הרג'ט בשוגג, געבט מען אים אן אויסוועג צו אנטלויפן צו אן ערי מקלט און זיך אויפהאלטן דארט. ווייל אפי' ער האט גע'הרג'ט א מענטש, וויבאלד עס איז געווען בשוגג, ער האט געמאכט א טעות, געבט מען אים נאך די געלעגנהייט תשובה צו טוהן און מען געבט פאר די מענטש דעם הרגשה אז "יא, מען וויל און מען דארף דיר נאך האבן, טוה תשובה און מען וועט דיר מוחל זיין. און בעזהשי"ת, נאכן פטירה פונעם כהן גדול, וועסטו קענען ארויסגיין."

## ראובן איז זוכה צו א מתנה...

וויבאלד ראובן איז געווען דער ערשטע וואס האט עוסק געווען און הצלות נפשות, מחשיב געווען און פרובירט ראטעווען א אידישע נפש, דערפאר האט שבט ראובן זוכה געווען צו זיין דער ערשטע שבט אין וועלכע מען האט אויפגעבויט אן ערי מקלט אין זייער נחלה (עבר לים).

אזוי ווי דער מדרש זאגט: דער אייבערשטער האט געזאגט פאר ראובן, "**אתה פתחת תחלה בהצלת נפשות- חייך שאין מפרישין ערי מקלט תחלה אלא בתחומך הה"ד** (דברים ד, מג). **אֶת בֶּצֶר בַּמִּדְבָּר** [וגו' **לָרְאוּבֵנִי**]":

## צידה לדרך

**גאלדענע מעגליכקייטן זענען אנגעגרייט פאר יעדן איינעם וואס נאר ער קען זוכה זיין צום דעם. קיינער וויל דאס נישט פארלירן אדער מאכן פארלוירן גיין...**

הערט א לשון פונעם פאזעצנער רב וואס שרייבט אין זיין ספר חובת התלמידים (פרק א') ווען ער האט גערעדט צו זיינע תלמידים אז זיי זאלן נישט נאכלאזן פון זייער ארבעט...

ותוכ"ד: ווען איך רעד יעצט צו דיר, ווייס איך נישט מיט וועמען איך רעד און דו אליין ווייסט אויך נישט ווער דו ביסט און וואס דו וועסט זיין ווען דו וועסט וואקסן אין תורה און עבודה. א צדיק, א גאון... אדער אפי' אן עושר, אן עובד ד' מפלג בתורה ויראה, א גרויסע בעל צדקה, טוב לשמים וטוב לבריות... אויב וועסטו ח"ו נאכלאזן פון די כשרונות וואס ליגט באהאלטן אין דיר, וועסטו עס ח"ו פארלירן אן דעם וואס דו זאלסט בכלל וויסן.

(וממשיך שם דברים נוראים...) "**נישט נאר עפעס א יונג ביימעלע וועסטו פארשווענכן, נאר אפשר גאר א גאון בישראל, א צדיק, א בעל מדרגה**, (אן עסקן אדער א כלל טוער וואס וואלט געבויט ארגענעזאציע'ס) **וועסטו ח"ו מאכן פארלירן. נישט נאר פאר דיר וועסטו שלעכט מאכן, נאר אויך אין גאנץ כלל ישראל וועסטו פוגע געווען...** דו וועסט בא'גנב'ען די וועלט. דאס וואס דו האסט געדארפט אויפטוהן אדער אויפשטעלן, קען קיינער נישט און וועט קיינער נישט אויפטוהן. ניין, נישט ווי דער וועלט זאגט: "אויב נישט איך, וועט א צווייטער קומען" ווייל א צווייטער קען נישט און וועט נישט טוהן דאס וואס דו וואלסט געקענט טוהן.

שטעלט אייך פאר, וויפיל קהילות, ספרי קודש און ארגענעזאציע'ס וואלטן נישט געווען אויב די מענטשן וואס האבן דאס אויפגעשטעלט און געשוויצט פאר דעם, וואלטן זיך צוריקגעהאלטן און געזאגט "**זאל דאס א צווייטער טוהן.**" וויפיל חשוב'ע משפחות, מגי"ש, מלמדים און מחנכים וואלטן נישט געווען ווען זיי וואלטן מחליט געווען, "איך בין גוט אזוי ווי איך בין און איך דארף נישט וואקסן."

יעדע מענטש אין די וועלט איז וויכטיג. יעדע מענטש טוט ממלא זיין א חלל וואס נאר ער קען אנפילן. יעדער האט שוועריקייטן, לאז נישט דיין שוועריקייט דיר אפהאלטן. גיי ווייטער און ווייטער און באלייכט די וועלט!

---

[א] הלא אמרתי אליכם לאמר אל תחטאו בילד ולא שמעתם: פירוש אמרתי לכם בשעת מעשה שלא תחטאו **כי ילד הוא ומפני נערותו חטא בכם וראוי לכם להעביר עונו:**

# מוסר השכל:

## דער שאלה פון בערל דער האלץ האקער

"בין איך אזוי וויכטיג פאר דער וועלט ובפרט ווען איך בין נישט דער גרויסע עובד ה' אדער תלמוד חכם?! אפשר גאר פארקערט, איך האלט זיך אין איין פארזינדיגן! בשלמא א ראה"ק, אן עסקן, א גבאי, זיי דארף מען האבן ווייל זיי געבן כאטש עפעס צו צום אייבערשטען'ס וועלטל, אבער "איך", א פשוט'ע האלץ-האקער, פארוואס דארף מען מיר האבן דא?"

לאמיר אריינטראכן אביסל טיפער, וואס ליגט אונטער דעם שאלה? וואס טראכט דער מענטש ווען ער זאגט "מיין נפש און נשמה זענען איבריג אויף דער וועלט!"

אין אנדערע ווערטער, עס איז כאולו ווי איינער וואלט געזאגט אז עס איז דא אן איבערפלוס פון נפשות חלילה, כביכול דער אייבערשטער האט טויזענטע איבריגע נפשות אין זיין קאמאר און זיי ווערן אראפגעשליידערט אויף דער וועלט יעדן יאר...

חלילה וחס לומר כן: דאס איז נישט א ריכטיגן בליק איבער דעם שויות פון א נפש אחת מישראל!

וואלט זיך איינער טועה געווען און געזאגט אויף משה'לע האלצבערג אז **"ער איז איבריג"!** (דער קליינע יונגל וואס מען האט ארויסגעראטעוועט פון אונטער די נעגל פון די טעראריסטן און מומביי, איינער אליין אן קיין עלטערן אויף אן אומבאשרייבליכע אופן) וואלט איינער געזאגט אויף איינער פון די הונדערטע אידן וואס זענען אויף א וואונדערליכע אופן גערעטעוועט געווארן פון די גאז קאמערן אז **"ער איז איבריג"!**

אפי' אויב חלילה ער וואלט זיך פארזינדיגט, וואלט נאך אלץ נישט איינגעפאלן פאר קיינעם אז דער איד איז דא אומזיסט! דער אייבערשטער האט אים דאך קלאר בוחר געווען און ארויסגעראטעוועט אויף א פערזענליכן אופן! זעהט אויס אז מען דארף אים יא...

טייערע איד: דער אייבערשטער מאכט נישט קיין טעותים! סיי דו און סיי וועלכע אידישע נשמה וואס איז אראפגעקומען דא אויף דער וועלט איז געווען א קלארע און גרינטליכע אויסוואל פון כביכול אליין און מיט זיין תפקיד צוגעשטעלט צו דער זייט.

אזוי אויך, איז יעדע נפש זייער טייער פארן בוכ"ע און דאס טייערקייט ווערט קיינמאל נישט אויס. אפגעזעהן ווי אזוי דער מענטש קוקט יעצט אויס, האט ער שטענדיג די ברירה פון זיך איבערפרישן און אנפאנגען פון דאסניי. דער נפש טאר מען נישט אויף קיין שום פאל אוועקווארפן אדער פארלירן, עס איז א טייערע דיימאנט וואס דארף און וועט בעזהשי"ת שיינען און גלאנצן.

**"כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא"**. לאמיר דאס לערנען פשוט פשט. **המקיים נפש אחת מישראל...** עס קען זיין אפי' דער האלץ האקער, אן אומבא'חנ'טע יודל, אדער נישט אזא גרויסע צדיק אבער ווען מען ראטעוועט אים, איז דאס **כאילו קיים עולם מלא**, פונקט ווי מען האט געראטעוועט צענדליגע טויזנטע רבנים און דיינים, ישיבות און כוללים.

און וויבאלד מיר זענען אזוי טייער, האבן מיר באקומען דעם געוואלדיגן מתנה פון "תשובה". **לא מאסתים ולא געלתים לכלתם**, קיינמאל זענען מיר נישט פארמאוסט אדער אויסגעשפיגן. שטענדיג זענען מיר ווערד, אפי' מיר ווייסן נישט ווען די ווערד וועט אנטפלעקט ווערן און וואס מיר קענען אויסוואקסן...

## אונזער עבודה אין די הייליגע חנוכה טעג!

די הלכה איז **"הדלקה עושה מצוה"**. טייטשן די ספה"ק: מען דארף אנצינדן דאס נר ה' נשמת אדם און אנווארעמען יעדע אידישע נשמה אז ער זאל איינזעהן זיין טייערקייט און שיינקייט.

מצותה **"משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק"**. דער מצוה גייט אן פון ווען עס איז פאר אונז פארטונקלט געווארן אונזער נפש, אונז זענען שוין נישט מחשיב אונזער אייגענעם ווערד.

עד שתכלה רגל מן השוק, יעדער פון די גאס דהיינו אפי' דער **תרמודאי**, דער האלץ האקער, פארשטייט דער ענין און ווערט אנגעצינדן און אנגעווארעמט אז ער איז אויך זייער וויכטיג און טייער.

# הערות פון די ליינער

**לכבוד המערכת:**

איך בין א בחור אין ישיבה און איך ליין אייער גליון יעדע וואך עקסטער. עטליכע מאל נאכן ליינען, האב איך געקלערט פון שרייבן א בריוו פארן מערכת אבער שטענדיג האב איך דאס אפגעשטופט.

אבער נאכן ליינען אייער גליון פון פרשת וישלח, בין איך געווארן עקסטער צוטרייסלט, טראכטנדיג איבער דער טעמע "ווי אזוי מענטשן און בפרט בחורים ארט נישט דעם אויפטויש פונעם גאלדענעם עתיד פארן קופערנעם הווה" און איך האב מחליט געווען אז דאס מאל גיי איך יא שרייבן.

זייענדיג אין ישיבה, איז מיר עטליכע מאל שוין אויסגעקומען צו דעבאטירן איבער די נושא. עס איז פחד'יג צו זעהן ווי די גאנצע בחור'ישע יארן, וואס איז באמת בלויז 5 גאנצע יאר, טוהן מיר צומאל פארפאטשקענען באלד 10 מאל אזויפיל.

אונז האבן נאך פופציג יאר לכה"פ צו גיין אין אונזער לעבן, וואס מיר וואלטן באמת געקענט לעבן ווי אן ערליכע און פרייליכע איד, אבער צומאל קען א בחור פארפאטשקענען די פינעף יאר בלויז וועגן די פרעשא"ר פון חברים און צו זיין ארויפגעקוקט אין ישיבה. דאס מיינט אז נאר צוליב די כבוד הדמיון, קענען אונז דערליגן פיל מער גאלדענע יארן וואס איז אנגעגרייט פאר אונז.

עס כאפט א פחד און א ציטער צו ליינען איבער יעקב אבינו וואס האט זיך געדרייט און געוואוינט נעבן מענטשן וואס האבן געטוהן און געטראכט אנדערש פון אים אבער ער האט זיך געהאלטן שטארק און געגאנגען נאר מיטן אן אמת, על אף וואס ער האט מן הסתם געהייסן דער פאנאטישער און פרומער פון שטאט. יעקב אבינו האט נישט געדארפט קיינעם'ס אטענטשא"ן אדער הסכמה, ער האט נאר כסדר געהאלטן דעם "רצון ה'" פאר זיינע אויגן. עס איז אים נישט אנגעגאנגען וואס דער אדער יענער וועט זאגן, אפי' וואס זיין אייגענע שווער וועט זאגן, אן עיקר "איך בין אן ערליכע איד"!

יעקב אבינו האט זיך אזוי געהאלטן נישט פאר אפאר קורצע יארן ווי 5 יאר, נאר אזוי פיל ווי 20 יאר! ער האט זיך נישט געדארפט אפזינדערן פון בלויז אפאר בחורים ארום וואס האבן געטראכט אנדערש ווי אים, נאר אפי' ווען דער גאנצע שטאט מיט אלע זיינע נאנטע האבן געטראכט אנדערש, האט ער נישט פארמינערט פון זיין עבודת ה'!

צו אלע מיינע טייערע חברים: ווען מיר וואלטן נאר צומאכט אונזער אויגן פאר די פינעף קריטישע יארן און נאר געגאנגען מיטן אמת, ווי שיין וואלט אויסגעקוקט אונזער גאנצע און איבריגע 70-50 יאר... **האלט אייך שטארק...**



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך. קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com